# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI, No. 7 — 50 CENTS A YEAR — MARCH, 1929

## WHY DO YOU PROSELYTE?

The Jewish Rabbis are excited. "Why do you proselyte?" they shout at us from their synagogue platforms, in the various Jewish publications, and in every public gathering place where opportunity offers. "We must put an end to this terrible practice of Jewish soul-stealing!" they cry in unison. And they fail to realize that every time they utter these hysterical laments of despair, they are committing two fatal errors. First, they are insulting the intelligence of every Jew in America, because they assume that he has not enough brains to decide for himself what is true and what is false. And secondly, their complaint is a naive confession that they themselves have failed to hold the Jew in the synagogue.

But why do we proselyte? Our first answer to the Jewish critic who asks us such a question is often this: Why don't **you** proselyte? It's a free country." It is a strange perversity of nature we witness when our Jewish Rabbis, who know full well what hells of torture and humiliation we suffered in Europe, and how happy we were to be allowed to enter America, the land of freedom, suddenly presuming to become self-appointed Czars over our lives! Liberty of speech, freedom of the press, the right of worship God as our conscience dictates, the privilege of propagating our faith and our beliefs—these are the sacred possessions of every American citizen, guaranteed to us inviolate by the Constitution of the United States—a Constitution for which the early fathers gave their blood. But here comes Mr. Rabbi and says to us, "You shall not proselyte"! Such a rabbi has sadly missed a true understanding of American liberty, and he ought to go back to Russia to learn all over again the lessons of intolerance and bigotry.

But why don't you proselyte, Mr. Rabbi? When God established Israel as a nation, His persistent command was, "Proselyte! Proselyte!" To make God's Name known to the Gentiles—that was why God called out the Jews. In the five books of Moses you will find that God told the Jews exactly how to make proselytes, and it was God's desire that the Jews should go all over the world and make proselytes out of the Gentiles. Have you done this, Mr. Rabbi? How many Gentiles were converted in your synagogue last year? Come now, let's be honest—did you ever try to win one single Gentile to become a Jew? Why not? It's a free country, and if you should undertake an aggressive campaign to convert Gentiles to become Jews, you will never hear a word of criticism or attack on the part of a single Christian, for the Christian understands better than you do, what Freedom of Speech means. So why not start right now a program of proselyting Gentiles? It is your duty, if you are a true Jew, and it is your right if you are an American.

But you know very well why you don't proselyte. It is because you have no message! A poor sin-sick Jew comes to your synagogue seeking a bit of spiritual comfort, and the assurance of sin forgiven; but all he gets is a lecture on some Broadway theatre play, or a harangue on politics. And he goes out sadder than ever, and the burden of sin greater than ever. And when he is on his death-bed, how his soul hungers for some word of assurance that he is on his way to a better land! But all he gets is "I don't know!" And the synagogues are empty, and the Rabbis blame us!

And that is why we proselyte. We have a legal right to do so—the Constitution guarantees us that. Remember this, the next time you hear someone attack the missionary; we have exactly the same right to buy and build a Mission building as you have to buy and build a synagogue. We have a legal right to be exactly where we are, and to do exactly what we are doing.

And then, we have a moral right to proselyte. In the realm of Ethics, Truth is the prime consideration, and he who brings to us new truth is to be received with open arms and is to be honored and loved. And **any** one, be he an Einstein or a Paul, who has a new truth to offer, is entitled in common decency to a hearing, and to an examination of the new principles he has to present. No Rabbi is big enough to denounce in ipse dixit style, the Jewish missionary; this is Czarism gone mad. Every Jew is entitled to have the Truth placed before his own conscience, and to reject or accept that Truth, so that his act shall be his own responsibility. Don't keep your religion in the Rabbi's name—it won't help you one bit on that last day when you must give an account to the Judge of all men.

And, finally, we have a spiritual right to proselyte. We are servants of the Lord Jesus Christ and His **command** to us is that we preach the Gospel to **every** creature. And the true followers of the Lord Jesus Christ are doing their best to obey His command. So they are sending missionairies all over the world to every creature to tell **every** one of the Gospel of Christ. And as the Jew is also one of God's creatures, the true follower of the Lord Jesus Christ **must** bring to the Jew also the message of salvation through faith in His blood poured out at Calvary. We do not ask or need the permission of any Jewish Rabbi in the world, to do this, and it is an impertinence for any Rabbi to say to the Christian, "We don't want you to convert us; go and convert your own Christians first." The time has not yet come when the follower of the Lord Jesus Christ needs the advice, or is ready to take instructions, from any Rabbi, no matter how smart, or how high-sounding the Rabbi is. The Christian takes his orders from one Person only — the Lord Jesus Christ.

And don't be so simple minded as to believe the deliberate misrepresentations of the Rabbi. "There never has been a single Jew converted," he shouts. But he knows that is not true; we suspect he is only whistling to keep up his courage! The truth is, there are today thousands of Jews who believe in the Lord Jesus Christ. They are to be found in Churches all over the world. Let the Rabbi come to our meetings some evening and we will show him a hall with Jews who believe in the Lord Jesus Christ. Don't be an Ostrich. Open your eyes and open your mind, and let God shine some truth into your heart.

And then we have a message. It is a message of hope and joy and peace. To every Jew we say, "Believe on the Lord Jesus Christ and thou shalt be saved." And the Jew who accepts this message, and believes, becomes at once a new man; he has the sure hope of everlasting life, the joy of sins forgiven, and the peace of God which passeth all understanding.

Will you try it? Do you want to hear more? We will freely send you all the literature you need, and will gladly answer your questions.

## BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton St.

Brooklyn, N. Y.

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.



צוקומען פאר זינד וואס ער האט נישט, טא צו וואס זאל ער דען מורא האבען! אדרבא ער פרעהט זיך וואס ער געהט אוועק פון עולם השפל צו „מנוחה וחיי עולמים" דארט צו זיין מיט'ן היילינען משיח אזוי ווי ער האט אונז פארשפראכען אין יוחנן י"ד: „איך געה פאר אייך אן ארט צו בערייטען... דאן וועל איך אייך נעמען צו מיר כדי איהר זאלט זיין דארט וואו איך בין".

---

# גרויסע אידען

דאס בילד און ביאגראפיע איז פון דעם גרויסען איד רעוו. פ' סמאליאר און זיין פרוי פון ריגא, לאטוויא.

מר. סמאליאר קומט פון א זעהר פרומע ארטאדאקסישע פאמיליע, געבוירען אין לוצק, רוסלאנד. ער איז געוועז איינער פון זיבען קינדער אין דער פאמיליע וואס איז נישט צופריעדען געוועזן מיט דעם אלטען אלטעגליכען לעבען אין וועלכען די מענשהייט לעבט אין אונטערדריקונג און אין אונצופרידענהייט. מר. סמאליאר האט געבענקט נאך עפעס העכערען, נאך עפעס נשמה'דיגס וואס ברענגט פרייהייט דער געפלאגטער מענשהייט. דאס האט ער נישט אין חדר געפונען און אויך נישט אין דער ישיבה ביי דעם „תנו הבנן", יא, אויך נישט ביי דער סאציאל דעמאקראטישער באוועגונג וואו ער האט צו 18 יאהר א טהעטיג און אקטיווען אנטייל גענומען, כדי פרייהייט אריין־צו־ברייננען אין די פינסטערע רייהען פון די מענשהייט.

צו יענער צייט האט אויסגעבראכען א פאגראם אין אדעס וואו איבער 300 אידען זענען אומגעקומען און דאס האט אונזער גרויסען איד נאך מעהר געמאכט דענקען וועגען דער געדריקטער לאגע פון מענש צו מענש בפרט צום פאלק ישראל, און דאס האט נאך מעהר געשאפען אין זיין הארץ א פערלאנג נאך פרייהייט. יא, יא, אבער וואו און ווי אזוי קומט מען דערצו?!

דאמאלס האט ער צופעליג געלעזען אין א צייטונג וועגען מיסיאנערן וואס וויליען אידען אב'שמד'ן און אזוי נאך זיי בעפרייען פון פאגראמען. דאס איז איהם גארנישט געפעלען געוועזן, ווייל לויט זיין אויפפאסונג זענען דאך די גוים וואס מאכען פאגראמען אויף אידען גוטע ברידער מיט די מיסיאנערן, דערפאר דארף מען זיך כאטש ניקס זיין אויך אן די מיסיאנערן. איז ביי איהם געבוירען געווארען א געדאנק אהין צו געהן און מיט די מיסיאנערן צו דיספוטירען און זיי לערנען בלק...

געזאגט און געטהון, און אט זעהען מיר מר. סמאליאר וועלכער איז געוועזן ערוועהלט פון זיינע אלע חברים, האבענדיג א וכוח מיט דעם מיסיאנער „ראזענבערג". דער וכוח האט אנגעהאלטען איבער דריי שעה און זיינע חברים האבען געמיינט אז אט אט וועט ער זיין ידו על עליונה און וועט דעם מיסיאנער גובר זיין. און אט הערט וואס מר. סמאליאר זאגט דערויף:

„איך האב ביסלעכווייס געפיהלט מיין גרויסען טעות זעהענדיג אז דער מיסיאנער שטעהט אויף א פעסטען יסוד וואס איך קאן באין אופן נישט שטירצען".

ער האט דאמאלס אנגעהויבען צו לייענען די טראקטאטען און דאס ברית חדשה וואס יענער מיסיאנער האט איהם געגעבען און איהר ווייסט דאך, אז „מ'זוכט געפינט מען", און ווייל מר. סמאליאר האט געוואלט וויסען דעם אמת פון די מיסיאנערישע באהויפטונגען וועגען ישוע המשיח, האט איהם גאט ב"ה דערצו געהאלפען און איז אין יאהר 1900 געקומען צו דער אמונה פון ישוע המשיח וואס האט איהם צווישען אנדערע טייערע זאכען, אויך געבראכט די גאט געבענשטע פרייהייט. נישט נור די פרייהייט וואס ער האט בעפאר געזוכט אין נישט געקאנט געפינען נייערט א פיעל העכערע א פרייהייט פון זינד און פון דעם שרעקליכען ארור וואס די זינד ברענגט דעם מענש.

מר. סמאליאר האט דאמאלס נור א מוטער געהאט און זי, אלס א פרומע אידישע פרוי איז שטארק דאגעגען געוועזן דאס גאנצע ערשטע יאהר וואס איהר זוהן האט אזא געוואלטיגען שריט געמאכט. דאס איז אבער נור געוועזן דאס ערשטע יאהר. זי האט זיך שטארק צוגעקוקט צו דעם זוהן'ס נייעם לעבען וועלכעס איז געוועזן גאנץ אנדערש ווי זי האט געדענקט. ניין, ער איז נישט געווארען קיין שיכור, קיין מסור, קיין סיבירניק, נייערט פיעל בעסער, עהרליכער און נאבעלער ווי בעפאר. דאמאלס האט זי איהם אויפגעהערט צו שעלטען און צו זידלען און זי האט איהם איינמאל א פרעג געגעבען ווי דאס בוך הייסט וואס ער לייענט אזוי פלייסיג?

יא, דאס איז געוועזן דאס טייערע ברית חדשה וואס ער האט איהר געגעבען און מיט א יאהר שפעטער איז זי אויך צו דער היילינער אמונה געקומען אין ישוע המשיח. זי האט איהם ערשט דאן אנגעהויבען מעהר צו ליעבען און זיך תמיד געוואונשען צו דערלעבען איהם זעהן און הערען דרש'ענען דיעזע היילינע אמונה אויך צו אנדערע אידען.

אונזער גרויסער איד איז דאן אוועק נאך בערלין שטודירען און ווען ער איז צוריק געקומען האט זיין מוטער דערלעבט דעם נחת צו זעהן און צו הערען מיט איהרע אייגענע אויגען און אויערען ווי איהר זוהן דרש'ענט צו אידען עפעס ממשות'דיגס וואס ברענגט לעבען, פרייד, האפנונג, פרייהייט, ישועות ונחמות צו יעדען וואס גלויבט אין ישוע אלס דער איינציגער גואל ומשיח.

מר. סמאליאר האט נישט געקאנט זיין אין רוסלאנד ביי די לעצטע מינוטען פון זיין מוטערס לעבען אויף דיעזער וועלט, אבער אט וואס איהרע לעצטע ווערטער זענען געוועזן: „זאגט מיין זוהן אז איך האב איהם שטארק ליעב. זאגט איהם אז איך געה אהן מורא. דאס בלוט פון מיין משיח האט מיך גערייניגט פון מיינע זינד".

אונזער גרויסער איד מר. סמאליאר האט, זייט ער דרש'ענט די בשורה טובה אין ישוע המשיח אויך אסאך אנדערע אידען, מענער און פרויען, געברענגט צו דעם גליקליכען בעוואוסטזיין אז די גאולה קומט נור דורך ישוע המשיח און ווען דער היילינער משיח וועט ניט אזוי באלד קומען וועט ער פארטזעצען זיין ארבייט און אסך אנדערע אידען וועלען אויך איהם בענשען. גאט ב"ה וועט איהם אידאי דערפאר בענשען.

---

## בית שר שלום

### (וויליאמסבורג מיססיאן צו אידען)

קאר. טהרופ עוו. און וואלטען סט., ברוקלין, נ. י.

---

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען
זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען
מאנטאג נאכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניאל

---

אונזערע טראקטאטען:

1. קול קורא
2. מה שמו
3. קין און הבל
4. הנה העלמה
5. לשני בתי ישראל
6. וכוח
7. דער לאגיק
8. די דרייאייניגקייט
9. דאס גאלדענע קאפיטעל

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י׳-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

VOL. XI No. 7 | 50 CENTS A YEAR | MARCH, 1929


## דער קעניג פון די אפגאניסטאן

מיר האבען געלייענט אין אלע צייטונגען די נייעס וועגען דעם קעניג פון אפגאניסטאן וועלכער האט געמוזט נישט נור רעזיגנירען און אויפגעבען דעם טראהן פון זיין קעניגרייך, זאנדערן ער האט אויך געמוזט פליטה לויפען פון זיין לאנד, ווייל זיין לעבען איז געווען אין גרויס געפאהר.

דאס אפגאניסטישע פאלק, בעזונדערס די איינוואוינער פון דער הויפטשטאדט „קאבול" האבען דאס אזוי געוואלט, ווייל דער קעניג איז געווארען א געבילדעטער מענש, ער האט דורכגעמאכט אייניגע שוהלען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד, וואו ער האט געזעהן ווי אזוי די ציוויליזירטע וועלט פיהרט זיך אויף, און ער איז אהיים געקומען צו זיין פאלק, צוריק פון די הויך שוהלען מיט א נייעם פלאן וועלכעס וואלט פיעל גוטעס געבראכט צו זיין פאלק. ער האט געהאט א צוועק אלס זיין הויפט ציעל, און דאס וואר צו ענטוויקלען דאס לאנד אין איהר מינעראל און קוילען רייכטום. ער האט שוין געהאט כמעט אזוי ווי א קאנטראקט געמאכט מיט גרויסע אונטערנעהמער פון אייראפא אום צו בערייכערען דאס לאנד.

דאס פאלק איז אבער זעהר איגנאראנט און זיי האבען משונה׳דיגע מנהגים וועלכע וואלטען געווען אבשטויסענד צו ציוויליזירטע מענשען וואס וואלטען אהין געקומען צו ענטוויקלען די פערבארגענע אוצרות וועלכע ליגען אין זייערע בערג און טהאלען. דערפאר האט דער קעניג דעם ערשטען שריט געמאכט צו ציוויליזירען דאס פאלק. ער האט זיי געהייסען זיך לייטיש צו קליידען. ער האט געוואלט אוועק שאפען די פראקטיס פון „פאליגאמי", געבענדיג א באפעהל אז קיינער זאל ניט האבען מעהר ווי איין ווייב. ער האט אויך אבגעשאפט פ עלע אנדערע גראבע מנהגים, און אט דאס האט איהם אומגליקליך געמאכט. פון איהם אוועקגערויבט זיין טראהן און געשטעלט זיין לעבען אין געפאהר מוזענדיג פליטה לויפען...

יענע ווילדע פינסטערלינגע האבען נישט געוואלט וויסען פון קיין רעפארמאציע, זיי ווילען אזוי לעבען ווי זייערע אבות אבותם האבען געלעבט. זיי האבען דערפאר רעבעלירט געגען דעם קעניג וואס האט זייער גוטס געוואלט.

דער קעניג איז איצט אין א פרעמדען לאנד (פראנקרייך) דארט וויים מען ווער ער איז. מ׳האלט איהם פאר א גרויסען מאן, האבענדיג א גרויסע נשמה און א גרויסען פערשטאנד, דערפאר עהרט מען און מ׳שעצט איהם אין פראנקרייך. דאך בענקט ער און עס טהוט איהם שטארק לייד נאך זיין אייגען פאלק.

און וואס מיינט איהר איז געשעהן מיט דעם אפגאניסטישען פאלק? יא, זיי האבען זיך אויסגעקליבען א מלך חדש, א נייעם קעניג, מיט׳ן נאמען „באטשא סאקא", און אלס קעניג האט מען איהם פראקלאמירט אונטערן נאמען „האביבולאח קאהן", וועלכער איז געווען א סאלדאט אין דער אפגאנישער ארמעע און איז פון דארט אויסגעשלאסען געווארען ווייל ער האט נישט געוואלט געהארכזאם זיין צו דער אויטאריטעט.

> איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און זונטאג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.

נאכהער איז ער געווארען דער אנפיהרער פון א רויבער באנדע וועמעס אויפענטהאלט איז געווען אין די אונצוגענגליכע בערג פון אפגאניסטאן. אזא לעבען האט ער געפיהרט עטליכע יאהר ביז דאס פאלק האט איהם איצט אויסגעוועהלט אלס זייער קעניג. נאך זייער אויפפאסונג קומט אויס, לייעבערשט צו האבען א באנדיט פאר א מלך אלס א געבילדעטען גוטען געטרייען מאן וואס זיי האבען געהאט אין דער פערזאן פון פריהעריגען קעניג אמאנולאה.

דא זעהט מען דעם שכל פון ווילדפאנגען וואס ווילען זיך נישט לאזען פיהרען ביי איינעם וואס האט זיי געוואלט גליקליך מאכען.

דיעזע אמת׳דיגע געשיכטע עראינערט אונז אן יענער טרויעריגע און טראגישע געשיכטע פון אונזער פאלק ישראל וועלכע האבען אויך אזוי אמאל געטהון. זיי האבען דעם פארצוג געגעבען צו א רויבער און פערוואָרפען דעם עהרליכען נאבעלען און גוטען ישוע המשיח, דעם בעסטען וואס דאס פאלק אדער די וועלט האט אמאל געהאט. אין יוחנן י״ח לייענען מיר, אין צייט ווען אידען האבען אנגעקלאגט ישוע המשיח פאר דעם גאווערנאר אין ירושלים אז ער זאגט אז ער איז דער „בן אלהים" און דער „מלך היהודים", איז אויך געווען אנגעקלאגט א איד מיט׳ן נאמען „בר אבא" פאר גנבה און מארד דער גאווערנער האט אבער אויף יעדען פסח זיי פריי ארויסגעלאזט איין אנגעקלאגטען, אלס א מתנה צו אידען. האט ער זיי געפרעגט וועמען ווילט איהר אז איך זאל אייך אויף דעם פסח בעפרייען, ישוע וועלכער ווערט אנגערופען משיח, אדער בר אבא? האבען אלע אויסגעשריגען „מיר ווילען בר אבא" (דעם מערדער) אבער ישוע המשיח דעם נאבעלען און בעסטען וואס האט אמאל עקזיסטירט האבען זיי פארווארפען. פונקט אזוי ווי דאס אפגאניסטישע פאלק האט געטהון.

ליעבע לעזער, אורטיילט איהר אליין אויב דאס איז נישט א אויסגעצייכענטער פאראלעל צווישען די אונציוויליזירטע אפגאניסטען און צווישען אונזער פאלק ישראל.

## לעסינגס יאהרצייט

דער בארימטער דיכטער, קריטיקער און בעלעטריסטישער שרייבער, גאטהאלד אפרים לעסינג. דער זוהן פון א קריסטליכען פאסטאר, איז געבוירען געווארען אין קאמעניץ, דייטשלאנד, אין יאנואר 1729. איצט איז זיין 200 יעהריגעס געבורטסטאג.

מר. לעסינג איז געווען אן אמת׳ער און א טרייער פריינד פון אידען. ער איז געווען דער טשעמפיאן פון אידען. מ׳האט געזאגט אויף איהם אז ער האט געעפענט די טהיר פון דער אידישער גהעטא און ער האט אידען אריינגעבראכט אין דער קולטורעלער וועלט. ער האט געשריבען א בוך אונטערן טיטעל „די אידען", (א קינסטליכע דראמא וועלכע איז געשפיעלט געווארען מיט גרויס ערפאלג אויף דער ביהנע) אין וועלכען ער האט צו שאנד געמאכט אלע אנטיסעמיטען פון יענער צייט.

ער האט אויך פערפאסט א מייסטערווערק אונטער דעם נאמען „נתן דער חכם", מיט דעם רעזול-

Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.